(ב) אל תתן לחית. לגדודי הרשעים: נפש תורך. תורים ויונים שלך: חית ענייך. נפש ענייך: (ג) הבט לברית. אשר כרת לאבותינו: כי מלאו. בניהם עמך ישראל: נאות חמס. ל' מדור: (ד) אל ישוב דך. מלפניך בתפלתו נכלם: (ה) חרפתך. גדופיך שעם נבל מחרפים אותך:

### פירוש עברי טייטש

(א) זכר זאת אויב חרף ה' גאט געדיינק נאר דאס אז דער פיינד לעסטערט דיך ועם נבל נאצו שמך אונ דאס שלעכטע פאלק דערצערענען דיין נאמען: (ב) אל תתן לחית נפש תורך הקב"ה זאלסט ניט געבין צו דיא פעלקער אין האנט דאס לעבין פון דיין טאהב חית ענייך אל תשכח לנצח דיינע ארעמע יודין זאלסטו ניט פארגעסין אויף אייביג: (ג) הבט לברית זעה נאר דעם פארבינדונג וואס דוא האסט געמאכט מיט די מענטשין פון דער וועלט עס זאל ניט גולגן איינר ביי דעם אנדערין כי מלאו מחשכי ארץ נאות חמס אונ דיא פינסטערע ערד וועלכע מיר זענען אויף איהר זענען אלע וואהנונגען פוהל מיט רויב: (ד) אל ישוב דך נכלם הקב"ה איך בעט דיך דער צו שטויסענער. דיא

כלי אמצעי דת"ח דמלכות דיליה צבאות

היה נוטל את מנחתה מתוך כפיפה מצרית ונותנה לתוך כלי שרת ונותנה על ידה וכהן מניח את ידו מתחתיה ומניפה: ב הניף והגיש קמץ והקטיר והשאר נאכל לכהנים. היה משקה ואח"כ [א] מקריב את מנחתה, ר"ש אומר מקריב את מנחתה ואח"כ היה משקה, שנא' ואחר ישקה את האשה את המים. אם השקה ואח"כ הקריב את מנחתה כשרה: ג עד שלא נמחקה המגילה אמרה [ב] איני שותה מגילתה [ג] נגנזת ומנחתה מתפזרת על הדשן ואין מגילתה כשרה להשקות בה סוטה אחרת. נמחקה המגילה ואמרה

היה נוטל. בעלה את המנחה שאין מצות כהונה במנחה אלא מקמיצה ואילך והגשה נמי תחלת קמיצה הוא שאין זר קרב למזבח אבל קדושי כלי ויציקה ובלילה במנחו' העשויות שמן כשר בזר: ונותנה על ידה. להניף: וכהן מניח ידו תחתיה. שנאמר בשלמים ידיו תביאנה ונאמר במנחת סוטה ולקח הכהן מיד האשה מה בשלמים הכהן מניח ידו תחת יד הבעלים ומניף כך במנחת סוטה כהן מניח ידו תחת יד האשה (א) ומניף: ב והגיש. לקרן מערבית דרומית: והשאר נאכל לכהנים. שכל הנקמצות שיריהן נאכלים: היה משקה ואח"כ מקריב את מנחתה. תלתא קראי כתיבי והשקה קמא ואחר ישקה והשקה בתרא והשקה קמא לגופיה שמשקה אחר שנמחקה המגילה קודם הקטרת המנחה ואחר ישקה אע"ג דמשמע דוקא על כרחך מקרא האמור ראשון נדרש לגופו ומקראו' יתרות האמורים אחריו כתנו לידרש הלכך ואחר ישקה אף ע"פ שנכתב אחר הקטרת המנחה אקודם הקטרה קאי ואמחיקה הכתובה למעלה קאי וקאמר דאם לא נמחקה יפה ועדיין רשומן של אותיות ניכר לא ישקנה (ב) והשקה בתרא לאשמועינן שאם נמחקה המגילה ואמרה איני שותה מערערין אותה ומשקין אותה בע"כ: רש"א מקריב את מנחתה ואח"כ משקה. בע"כ ואחר ישקה דוקא הוא ודוקא כתיבה לאחר הקטרה והשקה קמא שאם בדיעבד השקה ואח"כ הקריב מנחתה כשרה והשקה בתרא שאם נמחקה מגילה ואמרה איני שותה מערערין אותה ומשקין אותה בע"כ ואין הלכה כר"ש: ג מגילתה נגנזת. בצד ההיכל: ומנחתה מתפזרת על הדשן. ונשרפת על בית הדשן שהיה בעזרה ששורפים שם פסולי קדשי קדשים דהואיל וקדשה בכלי שרת טעונה שרפה בעזרה (ג): ואין מגילתה כשרה להשקות בה סוטה אחרת. דבעי' כתיבה לשמה דכתיב ועשה לה הכהן כל עשייתה

(א) ירושלמי ואין דבר כיעור מניח מפס ואינו חושש ומביא כהן זקן ואפ"ת כהן ילד שאין יצה"ר מצוי לשעה, תוס': [א] מקריב. גמ' מה מקריבה מ"ק כו' ובהשקאה גופה פליגי ר"ש ורבנן: (ב) ל"ד נקט דקרא אתא לרשומו ניכר דכיון דכתיב ומחה משמע אפילו למעוטי רשומו ניכר דלאו מיחוי הוא כו' אלא עיקר קרא אם הקריב מנחתה ואח"כ השקה כשרה כדדרש ר"ש והשקה קמא, תוס': [ב] איני כו'. ולפ"ה שאינה אומרת טמאה אני שאין כופין אותה לשתות, כר"ס: [ג] נגנזת. דכל כתבי הקדש שאינן נקרא בהן נגנזין שלא יתבזו, רש"י: (ג) והאי מספוקים היינו נשרפת כדאמר לקמן ואלו שמנחותיהן נשרפות

פרק ג א היה נוטל את מנחתה מתוך כפיפה מצרית דער מאן האט אדוים גינומען דיא מנחה פון דער קארב וואס איז גיפלאכטען פון קארע ונותנה לכלי שרת אונ האט אריין גלייגט דיא מנחה אין אהיילינגע כלי פון בית המקדש ונותנה על ידה אונ ער האט גיגעבין די כלי מיט דער מנחה אויף איהר האנט וכהן מניח ידו מתחתיה אונ דער כהן לייגט זיין האנט אונטער דיא האנט פון דיא אשה ומניפה אונ זיא הייבט אויף דיא מנחה: ב הניף ער האט אויף גיהויבין די מנחה והגיש אונ האט גינגענט די מנחה צום ווינקעל מערבית דרומית פון מזבח קמץ ער האט גינומען אביסעל מעהל פון דער מנחה והקטיר אונ האט פאר ברענט דיא ביסעל מעהל אויף דעם מזבח והשאר אונ דיא איבעריגע מעהל פון די מנחה נאכל לכהנים האבין די כהנים גיגעסין היה משקה ער האט איהר גיגעבען טרינקען די מים המאררים ואחר כך מקריב את מנחתה נאכדעם האט ער מקריב גיוועזן דיא מנחה, רבי שמעון זאגט מקריב את מנחתה פריער האט ער מקריב גיוועזן דיא מנחה ואחר כך היה משקה נאכדעם האט ער איהר גיגעבין טרינקען דיא מים המאררים שנאמר וויא עס שטייט אין פסוק ואחר ישקה את האשה את המים דער נאך [וויא ער האט מקריב גיוועזן דיא מנחה] זאל ער געבין טרינקען דיא אשה דיא מים המאררים אם השקה אויב פריער האט ער איהר גיגעבען טרינקען די מים המאררים ואחר כך הקריב את מנחתה דער נאך האט ער מקריב גיוועזן דיא מנחה כשרה איז אויך כשר: ג עד שלא נמחקה המגלה אויב איידער מען האט אפ גימעקט דיא מגלה [וואס שטייט פרק ב משנה ג] אמרה איני שותה האט זיא גיזאגט איך וועל ניט טרינקען מגלתה נגנזת ווערט די מגלה בהאלטען ומנחתה מתפזרת על הדשן אונ די מעהל פון די מנחה ווערט פאר שפרייט אויף די אש ואין מגלתה כשרה להשקות בה סוטה אחרת אונ די מגלה איז ניט כשר אפ צו מעקין צו געבין טרינקען מיט איהר איין אנדער סוטה נאר פאר איין אנדער סוטה מוז מען שרייבין איין אנדער מגלה נמחקה המגלה ואמרה טמאה אני אז דיא מגלה

פירוש ע"ט

ידין וואס זענען צו שטויסין אונ צו בראכין זאלין ניט אוועק גיין פון דיר פארשעמט עני ואביון יהללו שמך די יודין וואס זענען ארעם וועלין לויבין דיין נאמען פאר דיין הילף וואס דוא וועסט זייא העלפין: (ה) קומה אלהים ריבה ריבך גאט שטייא־אויף אונ קריג דיך דיין קריג, די קריג איז דיינע, דיין נאמען זאל ניט פארשעמט ווערין זכור חרפתך מני נבל כל היום געדיינק דיין שאנדע ווי דוא ווערסט פארשעמט פון די שלעכטע מענטשין אנאנ־ צין טאג:

ואמרה טמאה אני המים נשפכים ומנחתה מתפזרת על הדשן. נמחקה המגילה ואמרה איני שותה [ד] מערערים אותה ומשקין אותה בעל כרחה: ד אינה מספקת לשתות עד שפניה מוריקות ועיניה בולטות והיא מתמלאת גידין והם אומרים הוציאוה (ס"א הוציאוה) שלא תטמא את העזרה. אם יש לה זכות היתה תולה לה. יש זכות תולה [ה] שנה אחת. יש זכות תולה [ו] שתי שנים. יש זכות תולה ג' שנים. מכאן אמר בן עזאי חייב אדם ללמד את בתו תורה שאם תשתה [ז] תדע שהזכות תולה לה. רבי אליעזר אומר כל המלמד בתו תורה כאלו' למדה תפלות. רבי יהושע אומר רוצה אשה בקב ותפלות מתשעה קבין ופרישות. הוא היה אומר חסיד שוטה ורשע

לשמה: והמים נשפכים. דכיון דאמרה טמאה אני בדוקה ועומדת היא ומים המרים לא נתנו אלא לברר בהם את הספק: מערערים אותה. דדלמא טהורה היא ומחמת בעיתותא קאמרה (ד): ד אינה מספקת לשתות וכו'. בגמרא מוכיח דמתני' ר"ע היא דסבר כר"ש (ה) דאמר מקריב מנחתה ואח"כ משקה אותה דכמה דלא קרבה מנחתה לא בדקי לה מיא דכתיב מנחת זכרון מזכרת עון: מתמלאת גידין. מתוך שבשר' נפוח נראית כמלאה גידים: שלא תטמא את העזרה. לא מטומאת מת קאמר אלא שלא תפרוס נדה (ו) ותטמא שער נקנור ועזרת נשים שאלא דרך שם שנדה וזבה אסורין ליכנס בהר הבית (ז) אבל המת עצמו מותר להכניסו להר הבית ולשער נקנור שלא נתקדשו בקדושת העזרה (ח): יש לה זכות וכו'. בגמ' מפרש דזכות דתורה הוא דתולה לה שהוליכה בניה לבית הספר והמתינה לבעלה שילא חוץ לעיר לעסוק בתורה (ט): כאלו מלמדה תפלות. הבור משכב אנשים (י) שמתוך התורה היא מבינה ערמימות ועושה דבריה בהצנע כדכתיב אני חכמה שכנתי ערמה (יא): רוצה אשה בקב. ליזון מזונות מועטים ויהיה תשמיש מצוי לה: מתשעה קבין ופרישות. לפרוש מן התשמיש הלכך אין טוב שתלמוד תורה: חסיד שוטה. מפרש בגמרא כגון דקטבעה אשה בנהר ואמר לאו אורח ארעא לאסתכולי באתתא ולאצולה: רשע ערום. כגון

כו': [ד] מערערים. לי' פירש הרע"ב ותניא קלבים של ברזל מטילין לתוך פיה שאם נמחקה מגילה ואמרה איני שותה מערערים אותה ומשקין בעל כרחה: (ד) כ"י ונראה שנתכוונו להעמיד המשנה כר"ע דסבר דאומרת איני שותה כי אומרת מחמת בעתותה הוא דמערערים והכא מחמת בעתותה אנן קיימינן ואי נמי לר"י דסבר דלעולם מערערים וטעמא מפרשים אליבייה דלעולם אף ע"פ שאין אנו רואים בעתותה יש לנו לחוש דלמא מחמת בעתותה: (ה) אימא סיפא אם יש לה זכות תולה והא כ"ש סבר דאין זכות תולה ומשני בזכות כרבנן ס"ל: (ו) דמחמת בעתותה שהאלוהיות רגילה לפרוס שמרפים הדמים ונפשה שסקור ולא דמי לחרדה מסלקת הדמים דתנן ספ"ד דנדה שהיא דאגה אינה באה פתאום, גמ': (ז) וטעמא שהוא נקרא מחנה לויה, ועיין תוי"ט: (ח) לפי שער נקנור היא מחנה לויה וקורא בכלל הר הבית ושער נקנור עצמו אף ע"פ שהוא בעזרת ישראל לא נתקדש כו' וקדושת עזרה כ"ל עזרת ישראל ועזת ואילך שהוא מחנה שכינה: (ט) אלא טיהם הכל לפי זכותה שאינו דומה עושה מצוה לעושה מוטה: [ה] שנה. ופע"פ שאין ראיה לדבר זכר לדבר דכתיב ותסיך בלדקה פרוק וגו' הן השוה ארכה לשלוך וכתיב כולם מטא על כ"ב מגלה וגו' נקלת ירחין תרי עשר, גמרא: [ו] ב' שנים כו'. ירושלמי שנה אחת מנ"ל ב' שנים מאמנון ויהי לשנתים ימים ג' שנים מאחאב וישבו שלש שנים אין מלחמה: [ז] תדע כו'. פרלה ותלמוד בפ' סוטה דילפינן ונקתה ונזרעה זרע ונקתה ע"י זכיות כדי זכיפה זרע פ' פרשים וי"א יותר כדמפרש בגמ': (י) כאלו כתיב בפ' מעין שכים שנתרועמה ותפלה בגללים ותפלה של תנור כי ספי"ו ופמ"ם ממתלפים בפולה דעלכ"ם. והר"מ פי' תפלות דברי שבאי ודברי משלים מל' היאכל תפל בלי מלח שטעמו דבר חסר וגרוע: (יא) ורבנן כלומר בן עזאי מכפיה לים לכדר"י כר"ה דאמר אין ד"ת נתקיימין אלא ביד

איז אפ געמעקט געווארין און זיא האט געזאגט איך בין טמא געווארין, איך האב מזנה געוועז המים נשפכין ווערין די וואסער אויס געגאסין ומנחתה און די מעהל פון די מנחה מתפזרת על הדשן ווערט פאר שפריים אויף די אש נמחקה המגלה או די מגלה איז אפ געמעקט געווארין ואמרה איני שותה און זיא זאגט איך וויל ניט טרינקען מערערים אותה עפינט מען איהר די מויל ומשקין אותה בעל כרחה און מען גיט איהר צו טרינקען די מים המאררים: ד אינה מספקת לשתות זיא האט נאך ניט צייט געהאט אויס צו טרינקען דיא מים המאררים אין גאנצין עד שפניה מוריקות ביז איהר פנים איז געווארין געל ועיניה בולטות און איהרע אויגין זענען איהר ארויס געשטארצט פון קאפ והיא מתמלאת גידין און זיא איז פול געווארין מיט אדערין והם אומרים און דיא מענטשין האבין געזאגט הוציאוה פירט איהר ארויס שלא תטמא העזרה זיא זאל ניט מטמא זיין די עזרה אם יש לה זכות אויב זיא האט אמצוה וואס זיא האט נפירט אירע קינדער צו לערנען תורה אדער זיא האט נהייסען דעם מאן ער זאל לערנען תורה היתה תולה לה האט מען איהר געווארט, האבין דיא מים המאררים איהר ניט באלד קראנק גימאכט

יש זכות תולה שנה אחת עס זענען דא מצות וואס דורך זייא ווארט מען איהר אַיאהר יש זכות תולה שתי שנים עס זענען דא מצות וואס דורך זיי ווארט מען איהר צווייא יאהר יש זכות תולה שלש שנים עס זענען דא מצות וואס דורך זייא ווארט מען איהר דרייא יאהר מכאן אומר בן עזאי פון דאנען לערינט בן עזאי צוא זאגין חייב אדם ללמד את בתו תורה אמענטש איז מחויב צו לערנען זיין טאכטער תורה שאם תשתה אויב זיא וועט מזנה זיין און וועט טרינקען דיא מים המאררים און וועט זעהן עס שאט איר ניט תדע שהזכות תולה לה וועט זיא וויסען אז ווייל זיא האט אזכות דריבער ווארט מען איר. רבי אליעזר זאגט כל המלמד בתו תורה ווער עס לערינט זיין טאכטער תורה כאלו למדה תפלות איז גלייך וויא ער וואלט איהר לערנען עצות וויא אזויא זיא זאל מזנה זיין (עיין בהרע"ב) רבי יהושע זאגט רוצה אשה בקב ותפלות אאשה וויל בעסער ווייניג מזונות און ארעם לעבען און זיין באהעפט מיט איהר מאן מתשעה קבין ופרישות איידער מען זאל איהר געבין ניין מאהל אזוי פיל מזונות און רייך לעבען און זיין אפ גשייט פון מאן הוא היה אומר רבי יהושע פלעגט זאגין חסיד שוטה אחסיד

מי שמעמיד עצמו ערום עניס פרש"י שפירש מכל עסקיו ונעשה עניס עני והסר כל נ"א שמעמים שיחקיים הוכחו לקבון על יד ונלמוד מכל אדם: (יב) ל' כר"מ שחכמים קורין עלמן פרושים לשוחם מופרשים מבני אדם שיש לשם חסרונות ושמדות שפתויות והרדיפה אחר תאות העולם ושם מיסלים לשכר שעה"כ ולמדות שמעלות:

[ח] מבלי כו'. או מבלי עולם שאלו שדברים שמפסידים עליאות האדם, בר"ס. ורלם עליאות האדם לפי שהוא עיקר שבריאה בעולם ששפל וכן אמרו על שלשה דברים העולם עומד: [ט] מתנוונת. פליגי בה רב יוסף ס"ל דלא"ק מתנוונה נמי לא ורב ששת סובר דס"ק נמי ס"ל דהולם אבל עתנוונת כו' ופרש"י ולא פליגי עלים דרי' אלא כסוף שסיפה מתה באותה עיסה לחוד, ועיין תוי"ט:

ערום ואשה פרושה ומכות פרושין הרי אלו [ח] מבלי עולם: ה רש"א אין זכות תולה במים המרים ואם אתה אומר הזכות תולה במים (גמרא המרים) המאררים מדהה אתה את המים בפני כל הנשים השותות ומוציא אתה שם רע על הטהורות ששתו שאומרים טמאות הן אלא שהלתה להן זכות. רבי אומר הזכות תולה במים המאררים אינה יולדת ואינה משבחת אלא [ט] מתנוונת והולכת לסוף היא מתה באותה מיתה: ו נטמאה מנחתה עד שלא קדשה בכלי הרי היא ככל המנחות ותפדה ואם משקדשה בכלי הרי היא ככל המנחות ותשרף. ואלו

המטעי' דבריו לדיין קודם שיבא בעל דין חברו ומשכפתחו בלב הדיין שערי זכות לדברי זה קשה לסלקן והרי רשעתו וערמתו של זה שעבר על לא תשא שמע שוא: ואשה פרושה. כגון אשה כשפני' שהיתה עולרת רחם הנשים היולדות בכשפים ובשעה שהיתה היולדת מקשה בלדתה היתה אומרת אלך ואתפלל אולי תקובל תפלתי וסותרת כשפיה ויולדת: מכות פרושין. שמכה עצמו לראות שהוא עניו ונגוע (יב) כגון שמהלך עקב בצד גודל ואינו מרים רגלו מן הארץ ומתוך כך מנקף אצבעותיו באבנים והוא שנקרא בגמרא פרוש נקפי או מי שעושה עצמו כעוצם עיניו שלא להסתכל בנשים ומתוך כך מכה ראשו בכותל ויוצא ממנו דם והוא הנקרא פרוש קוזאי כלומר שמקיז דם בראשו מחמת פרישותו: הרי אלו מבלי העולם. שרוצים להראות לבריות שהם חסידים ואין תוכם כברם: ה מדהה אתה את המים. מחסיר ומחשיך הגוון החסר נקרא דיהה בלשון משנה: מתנוונת והולכת. נחלית והולכת: ו נטמאה מנחתה עד שלא קדשה בכלי ה"ה ככל המנחות. שנטמאו עד שלא קדשו בכלי: ותפדה. ותצא לחולין ומן המעות יקנה אחרת: ותשרף. שקדשה קדושת הגוף ואינה יוצאת עוד

---

וואס איז אנאר. דהיינו אאשה טריינקט אין טייך וויל ער זיא ניט ראטעווען, ער זאל ניט דער ווייל קוקען אויף איהר ורשע ערום אונ ארשע וואס טוט פאלשקייט מיט חכמה מען זאל ניט דערקענען זיין פאלשקייט ואשה פרושה אונ אאשה וואס ווייזט זיך פאר פרום [אזויא ווייא עס איז אמאהל גיוועזן אאשה אמכשפה וואס זיא האט גימאכט מיט כישוף אז אלע מעוברות זאלין ניט קענען האבין די קינדער, אונ אז אאשה פלעגט גיין שווער צו קינד פלעגט זיא זאגין זיא וועט גיין מתפלל זיין וועט דיא אשה גיהאלפין ווערין, אונ זיא פלעגט אפ טאן דיא כישוף אונ די אשה פלעגט גיבארין דאס קינד, אונ מען האט גימיינט אז דיא אשה העלפט מיט אירע תפלות האט מען איר גיהאלטין פאר היילינג] ומכות פרושין אונ מענטשין וואס ווייזין אז זייא זענען פרום אונ קוקען ניט אויף אאשה אונ ווייל זיי גייען אראפ גבויגין דעם קאפ קלאפין זיי אן מיט דעם קאפ אן די וואנט הרי אלו מבלי עולם די מענטשין וואס נארין די וועלט מען זאל מיינען זיי זענען פרום זיי פאר דארבין די וועלט: ה רבי שמעון זאגט אין זכות תולה במים המרים אזכות העלפט ניט ביי מים המאררים מען זאל איר ווארטין פון צו גישטראפט ווערין ואם אתה אומר ווארום אז דו וועסט זאגין הזכות תולה במים המאררים אזכות העלפט ביי מים המאררים זיא זאל ניט באלד גישטראפט ווערין מדהה אתה את המים וועסטו טונקעל מאכין וגרינג מאכין די מים המאררים בפני כל הנשים השותות פאר אלע ווייבער וואס דארפין טרינקען דיא מים המאררים, זיי ווערין זיך פאר זיכערין אז זיי האבין אזכות וועט זייא די וואסער ניט שאטין, דריבער אפילו זיי וועלין זיין טמא וועלין זיי אויך טרינקען ומוציא אתה שם רע על הטהורות ששתו אונ דו וועסט אויס ציהען אשלעכטין נאמען אויף דיא ווייבער וואס זענען גיוועזן טהור אונ האבין גיטרונקען די מים המאררים שאומרים טמאות הן מען וועט זאגין זיי זענען טמא גיוועזן אלא שתלתה להן זכות נאר ווייל זיי האבין אזכות דריבער ווארט מען זיי אונ ווערין נאך ניט גישטראפט, רבי זאגט הזכות תולה במים המאררים אז די אשה האט אזכות ווארט מען איר ביי די מים המאררים ואינה יולדת אונ זיא געבירט קיין קינדער ואינה משבחת אונ זיא ווערט ניט פאר בעסערט אין גיזונד אלא מתנוונת והולכת נאר זיא ווערט אלע טאג מער שוואך לסוף היא מתה באותה מיתה דער נאך שטארבט זיא מיט דעם זעלבינגען טויט וויא אלע סוטות שטארבין: ו נטמאה מנחתה אויב די מנחה פון די סוטה איז טמא גיווארין עד שלא קדשה בכלי איידער מען האט איהר גיהייליגט אין דיא כלי פון בית המקדש הרי היא ככל המנחות האט די מנחה דעם דין וויא אלע מנחות וואס ווערין טמא איידער מען היילינגט זיי אין די כלים פון בית המקדש ותפדה זיא זאל אויס גילייזט ווערין אויף געלט, פאר די געלט ווערט גיקויפט איין אנדער מנחה, אונ דיא אויס גילייזטע מנחה איז חולין ואם משקדשה בכלי אונ אז די מנחה פון די סוטה איז גיהייליגט גיווארין אין אכלי פון בית המקדש נאכדעם איז זיא טמא גיווארין הרי היא ככל המנחות האט די מנחה דעם דין וויא אלע מנחות וואס ווערין טמא נאכדעם וויא זייא זענען גיהייליגט גיווארין אין אכלי פון בית המקדש ותשרף אונ זיא זאל ווערין פאר ברענט ואלו

שמנחותיהן נשרפות האומרת טמאה אני לך ושבאו לה [י] עדים שהיא טמאה, והאומרת איני שותה, ושבעלה אינו רוצה להשקותה, ושבעלה בא עליה בדרך. וכל הנשואות לכהנים מנחותיהן נשרפות: ז בת ישראל שנשאת לכהן מנחתה נשרפת. וכהנת שנשאת לישראל מנחתה נאכלת [כ] מה בין כהן לכהנת מנחת כהנת נאכלת ומנחת כהן אינה נאכלת כהנה מתחללת ואין כהן מתחלל כהנת מטמאה למתים ואין כהן מטמא למתים כהן אוכל בקדשי קדשים ואין כהנת אוכלת בקדשי קדשים: ח מה בין איש לאשה האיש פורע ופורם ואין האשה פורעת ופורמת. האיש מדיר את בנו בנזיר ואין האשה מדרת את בנה בנזיר. האיש מגלח על נזירות אביו ואין

להולין: וכל הנשואות לכהנים מנחותיהן נשרפות. ואפי' קרב קומץ כהנכתו ולא נטמאת כשרפים שיריה על בית הדשן ואין נאכלים מפני שיש לכהן בעלה חלק בה שמשלו היא באה והתורה אמרה וכל מנחת כהן כליל תהיה לא תאכל ואין כולה כליל מפני שיש לה חלק בה שלכפרתה היא באה הא כיצד הקומץ קרב בעצמו והשיריים קריבין בעצמן (יג): ז וכהנת שנשאת לישראל. בת כהן מנחתה נאכלת. דכל מנחת כהן כליל תהיה כתיב כהן ולא כהנת וכן כהנת אלמנה וגרושה שהביאה מנחת נדבה נאכלת (יד): כהנת מתחללת. מן התרומה ומן הכהונה אם נבעלה לפסולים (טו) שוב אינה חוזרת לכשרותה לעולם: כהן אינו מתחלל. אם נשא גרושה חללה או זונה אלא כל זמן שהוא עמה הוא פסול לעבודה (טז) מגרשה הוזר להכשירו דכתיב ולא יחלל זרעו זרעו חלל והוא אינו חלל: כהנת מטמא למתים. דכתיב בני אהרן ולא בנות אהרן: ואין כהנת אוכלת בקדשי קדשים. דחטאת ואשם ומנחה בכולהו כתיב כל זכר בבני אהרן (יז) יאכלנו: ח האיש פורע ופורם. כשהוא מנוגע פורע את ראשו ופורם את בגדיו דכתיב איש צרוע הוא וכו' איש פורע ופורם ואין האשה פורעת ופורמת: האיש מדיר את בנו בנזיר. בנו קטן והלה נזירות עליו ואפי' לכשיגדל (יח) וזו הלכה היא בנזיר ואין לה סמך מן התורה: האיש מגלח על נזירות אביו. אם נדר אביו בנזירות והפריש קרבנותיו ומת והיה בנו נזיר או שנדר בנזירות לאחר

[י] עדים כו' בא עליה. והא"נ דבכני אגלי מלתא למפרע דכי קריב כשעות קדים גזלה שמא יאמרו מוציאים מכלי שרת להולין, גמ', ת"ח: (יג) בלא כדקדוק כהב כן דקריבה היינו על המזבח ואלו בית הדשן היינו מקום בעזרה לפסולי אוקדשים שנשרפים כמ"ש פכ"ב לעיל מ"ג אלא בפנאי וכ"ע כל שממנו לאישים הרי זה בבל תקטירו מדכתיב לא תקטירו ממנו כו' כל שממנו כו' דר"א סבר מקריב השיריים על המזבח ולשם עצים... לית לה הא"י סברא אלא נשרפים שיריה על בית הדשן, כדאיתא בגמ': (יד) ל"ר דכ"ם הוכה, ועיין תוי"ט: (טו) כדדרשינן בקידושין (דף עז): (טז) ול' סברא להאלו כזמן שהיא נוסג עמה זה הרי הוא חולין: (יז) ואף ע"ג דבני אהרן ממעטינן ולא בנות אהרן צרכה קרא וכתב זכר לרבות בעלי מומין לאתויקא שכתב הר"ב בפי"ב דזבחים: [כ] מה בין כו'. עייר טופא הכן דפ"ק דקידושין וכן כא דאין אם מפילים נדרי בתם: (יח) עיין פירושו פ"ד דנזיר מ"ז כו' יכ"ל דפי' לכשיגדל כלומר לאחר שנעשה גדול נוהגין נדרים ומיהו עד שיביא ב' שערות אחר י"ג שנים יתו לא דפשיטא דמכיון שילא מרשותו לגמרי פקעה לה הדרת אביו וממילא א"ל

שמנחותיהן נשרפות אונ דאס זענען דיא סוטות וואס זייערע מנחות ווערין פאר ברענט האומרת אז דיא סוטה זאגט צום מאן טמאה אני לך איך בין טמא צו דיר ווייל איך האב מזנה גיוועזן ושבאו לה עדים שהיא טמאה אדער עדות זענען גיקומען זאגין אז זיא איז טמא גיווארין זיא האט מזנה גיוועזן והאומרת איני שותה אדער זיא זאגט זיא וויל ניט טרינקען די מים המאררים ושבעלה אינו רוצה להשקותה אדער דער מאן וויל ניט זיא זאל טרינקען די מים המאררים ושבעלה בא עליה בדרך אדער דער מאן האט איר בועל גיוועזן אין וועג ווען ער האט איר געפירט אין ירושלים צו געבין טרינקען דיא מים המאררים וכל הנשואות לכהנים אונ אלע ווייבער סוטות וואס זענען ווייבער צו אכהנים מנחותיהן נשרפות ווערין זייערע מנחות פאר ברענט: ז בת ישראל שנשאת לכהן אטאכטער פון אישראל וואס האט חתונה גיהאט מיט אכהן אויב זיא ברייננט אמנחה מנחתה נשרפת ווערט איר מנחה פאר ברענט וכהנה שנשאת לישראל אונ אטאכטער פון אכהן וואס האט חתונה גיהאט מיט אישראל אויב זיא ברייננט אמנחה מנחתה נאכלת איר מנחה ווערט גיגעסין צו די כהנים מה בין כהן לכהנת וואס איז דער חילוק אויב אכהן ברייננט אמנחה אדער אטאכ־טער פון אכהן ברייננט אמנחה מנחת כהנת נאכלת די מנחה וואס אכהנ'ס טאכטער ברענגט ווערט גי־געסין צו כהנים מנחת כהן אינה נאכלת אונ אז אכהן ברייננט אמנחה ווערט זיא ניט גיגעסין נאר זיא ווערט פארברענט כהנת מתחללת אויב אמענטש וואס איז פסול צו דער כהונה האט בועל גיוועזן אטאכטער פון אכהן איז זי פסול צו עסין תרומה אונ טאר ניט חתונה האבין מיט אכהן אויף אייביג וכהן אין מתחלל אונ אויב אכהן האט גינומען אזוי אווייב וואס זיא איז פסול צו איהם, אז ער גט איהר איז ער כשר צו דער כהונה ווי ער איז גיוועזן פריער כהנת מטמאה למתים אטאכטער פון אכהן מעג זיך מטמא זיין צו מתים ואין כהן מטמא למתים אבער אכהן טאר זיך ניט מטמא זיין צו מתים כהן אוכל בקדשי קדשים אכהן עסט קרבנות וואס זייא זענען קדשי קדשים (דהיינו אחטאת אאשם) ואין כהנת אוכלת בקדשי קדשים אבער אטאכטער פון אכהן טאר ניט עסין קרבנות וואס זיי זענען קדשי קדשים: ח מה בין איש לאשה וואס איז דער חילוק צווישין אזכר אונ אנקבה האיש פורע ופורם אזכר אז ער האט אנגע (צרעת) דארף ער לאזין וואקסין די האר פון קאפ אונ צו רייסין די קליידער ואין האשה פורעת ופורמת אבער אנקבה אז זיא הט אנגע דארף זיא ניט לאזין וואקסין די האר פון קאפ אונ ניט רייסין די קליידער האיש מדיר את בנו בנזיר אפאטער קען טאהן אנדר אויף זיין זוהן ער זאל זיין אנזיר ואין האשה מדרת את בנה בנזיר אבער אמוטער קען ניט טאהן אנדר אויף איהר זוהן ער

האשה מגלחת על נזירות אביה. האיש מוכר את [ל] בתו ואין האשה מוכרת את [מ] בתה. האיש מקדש את בתו ואין האשה [נ] מקדשת את בתה. האיש נסקל ערום ואין האשה נסקלת ערומה. האיש נתלה ואין האשה נתלת. האיש נמכר בגניבתו ואין האשה נמכרת בגניבתה:

**עיקר תוי"ט:** לספלים ע"ד נזירותו, ועתוי"ט: [ל] בתו. ולאמה כשהיא קטנה, רש"י: [מ] בתה. דכתיב כי ימכור איש את בתו, גמ': (יט) ואהו לאפוקי נערה דבהדיא תנן האיש מקדש את בתו כשהיא נערה אלא לאפוקי בוגרת: [נ] מקדשת. מדיבא דקרא דאת בתי נתתי לאיש יליף לה ואמר אבי הנערה אל הזקנים מכאן לאמעט אמה דאינה זכאה בבתה לאם, תוס': (כ) אותו לגופים אלמ"ך דבלא כסותו ועיקר טעמא משום בזיונא, ועתוי"ט:

**ברטנורא:** מיתת אביו הרי הבן מגלח ביום מלאת ומביא קרבנות שהפרים אביו וגם זו הלכה ואין לה סמך: האיש מקדש את בתו. מקבל קדושי בתו קטנה (יט) שלא מדעתו. דכתיב את בתי נתתי לאיש הזה: האיש נסקל ערום. דכתיב ורגמו אותו וא"א לומר אותו ולא אותה דהא כתיב והוצאת את האיש ההוא או את האשה ההיא אלא אותו בלא כסותו אבל אותה בכסותה (כ): האיש נתלה. דכתיב ותלית אותו על עץ אותו ולא אותה: האיש נמכר בגניבתו. דכתיב ונמכר בגניבתו ולא בגניבתה:

---

זאל זיין אנזיר האיש מגלח על נזירות אביו איינער האט גיטאהן אנדר ער זאל זיין אנזיר אונ האט אפ גישייט קרבנות צו דיא נזירות אונ איז גישטארבין, אונ דער זוהן איז אויך אנזיר, מעג דער זוהן בריינגען דעם פאטערס קרבנות פאר זיינע נזירות ואין האשה מגלחת על נזירות אביה אבער דיא טאכטער פון דעם נזיר וואס איז גישטארבין (או זיא איז אנזירה) קען זיא ניט בריינגען דעם פאטערס קרבנות פאר איהרע נזירות האיש מוכר את בתו אפאטער מעג פר קויפין זיין טאכטער (אקליינע) פאר אדינסט ואין האשה מוכרת את בתה אבער אמוטער טאר ניט פאר קויפין איהר טאכטער פאר אדינסט האיש מקדש את בתו אפאטער מעג געבין זיין טאכטער (אקליינע) צו אמאן אונ צו נעמען דיא קדושין פון אירעטוועגין ואין האשה מקדשת את בתה אבער אמוטער קען ניט געבין איר קליינע טאכטער צו אמאן אונ נעמען פון אירעט־וועגין קדושין האיש נסקל ערום אויב אזכר האט גיטאהן אזוי אעבירה וואס מען דארף אים הרגנן מיט שטיינער ווערט ער פאר שטיינט נאקעט ואין האשה נסקלה ערומה אבער אז אנקבה האט גיטאהן אזוי אעבירה וואס מען דארף זיא הרגנן מיט שטיינער ווערט זיא ניט פאר שטיינט נאקעט האיש נתלה אזכר ווערט גיהאנגען ואין האשה נתלית אבער אנקבה ווערט ניט גיהאנגען האיש נמכר בגנבתו אזכר אז ער גנבת אונ האט ניט צו בצאלין ווערט ער פאר קויפט פאר אקנעכט ואין האשה נמכרת בגנבתה אבער אנקבה אז זיא גנבת אונ האט ניט צו באצאלין ווערט זיא ניט פאר־קויפט פאר אדינסט:

## רש"י

ציילנית. בעלת תפלה: אלמנה שובבית. בעלת שכינות הולכת ומבקרת שכינותיה תמיד: הרי אלו מבלי עולם. שאינן אלא נואפות ומכשפות ומראות עצמן לדקיות שלא יבדקו אחריהן: וקבול שכר מאלמנה. שהיתה טורחת עצמה יותר מן הצורך כדי לקבל שכר כדמפרש ואזיל למדנו שיטריח אדם עצמו במצות לקבל שכר יותר: בראת צדיקים. לגהול גן עדן: בראת רשעים. לירש גיהנם: שלא יכשלו בי בני

## גמרא סוטה דף כב ע"א

סנכס ס' כלה כלי הילן דח"ת דמלכות דכיאה השתפא

אשה פרושה וכו'. ת"ר בתולה ציילנית ואלמנה שובבית הרי אלו מבלי עולם. איני והא א"ר יוחנן למדנו יראת חטא מבתולה וקיבול שכר מאלמנה יראת חטא מבתולה דרבי יוחנן שמעה להההיא בתולה דנפלה על אפה וקאמרה רבש"ע בראת גן עדן ובראת גיהנם בראת צדיקים ובראת רשעים יהי רצון מלפניך שלא יכשלו בי בני אדם.

---

אשה פרושה אאשה וואס מאכט זיך פרום קען זיא פארלענדין דיא וועלט תנו רבנן דיא רבנן האבין גילערנט בתולה ציילנית אמיידעל וואס מאכט זיך פרום אונ דאווינט אלע טאג, דאס איז פאלש, געווים איז זיא אזונה אונ זיא מאכט זיך פרום מען זאל ניט טראכטין שלעכטס אויף איר אונ פירט איהר זנות אין דער שטיל ואלמנה שובבית אונ די אלמנה וואס גייט שטענדיג ארום צו דיא שכנים הרי אלו מבלי עולם זיי פארדארבין די וועלט, נוייל זיא רעט געווים לשון הרע אונ איז מקנא אונ וועגין קנאה טוהט זיא כישוף. פרעגט דיא גמרא איני עס איז דאך ניט אזוי והא אמר רבי יוחנן ווארום רבי יוחנן האט גיזאגט למדנו יראת חטא מבתולה מיר האבין גילערנט פון אבתולה וויא אזוי מען דארף מורא האבין צו זינדיגען וקיבול שכר מאלמנה אונ פון אאלמנה האבין מיר גילערנט ווי אזוי מען זאל נעמען שכר פאר מצות יראת חטא מבתולה ווי אזוי האבין מיר גילערנט פון אבתולה מורא צו האבין זינדיגען אונ פון וועלכע בתולה האבין מיר דאס גילערנט דרבי יוחנן שמעה לההיא בתולה דנפלה על אפה וקאמרה ווארום רבי יוחנן האט גיזעהן ווי אבתולה איז גיפאלין אויף איהר פנים אונ ער האט גיהערט ווי זיא האט גיזאגט רבונו של עולם בראת גן עדן ובראת גיהנם דוא האסט בשאפין דעם גן עדן אונ האסט בשאפין דעם גיהנם בראת צדיקים ובראת רשעים דוא האסט בשאפין

קיבול שכר מאלמנה דההיא אלמנה דהואי בי כנישתא בשבבותה כל יומא הוה אתיא ומצלא בי מדרשא דרבי יוחנן אמר לה בתי לא בהכ"נ יש בשבבותך אמרה ליה רבי ולא שכר פסיעות יש לי. כי קאמר כגון יוחני בת רטיבי: ומכות פרושי' וכו', ת"ר שבעה פרושים הן, פרוש שכמי, פרוש נקפי, פרוש קוזאי, פרוש מדוכה, פרוש מה חובתי ואעשנה, פרוש מאהבה, פרוש מיראה. פרוש שכמי זה העושה מעשה שכם. פרוש נקפי זה המנקיף את רגליו. פרוש קוזאי אמר רב נחמן בר יצחק זה המקיז דם בכותלים. פרוש מדוכה

אדם. להפסיד חלקם על ידי מג"ע ולירש גיהנם: קאמר. מבלי עולם כגון יוחני בת רטיבי אלמנה מכשפה היתה וכשמגיע עת לידת אשה היתה עוצרת רחמה במכשפו' ולאחר שמצטערת הרבה היתה אומרת אלך ואבקש רחמים אולי תשמע תפלתי והולכת וסותרת כשפיה והולד יוצא פעם אחת היה לה שכיר יום בביתה והיא הלכה לבית האשה היולדת ושמע השכיר קול הכשפים מקשקשים בכלי כמו שהולד מקשקש במעי האם ובא ופתח את מגופת הכלי והכשפים יצאו והולד נולד וידעו כי בעלת כשפים היא: פרוש שכמי פרוש נקפי פרוש מדוכה. כלהו מפרש להו: מעשה שכם. שלא מלו לש"ש אף זה מעשיו להנאתו שיכבדוהו בני אדם ולא לש"ש: המנקף רגליו. מהלך בשפלות עקב בצד גודל ואינו מריס רגליו מן הארץ ומתוך כך מנקף אצבעותיו באבנים: מקיז דם בכתלים. עושה עצמו כסומא עיניו שלא יסתכל בנשים ומתוך כך מכה ראשו

---

צדיקים אונ האסט בשאפין רשעים יהי רצון מלפניך שלא יכשלו בי בני אדם עס זאל זיין דער ווילען פון דיר נאט מענטשין זאלין ניט זינדיגען דורך מיר קיבול שכר מאלמנה ווי אזוי האבין מיר גילערינט פון אאלמנה צו נעמען שכר פון מצות דההיא אלמנה דהואי בי כנישתא בשיבבותה עס איז געוועזען אאלמנה וואס ניט ווייט פון איהר וואהנונג איז גיוועזען אשוהל צום דאווענען כל יומא הוה אתיא ומצלא בי מדרשא דרבי יוחנן אלע טאג פלעגט זיא קומען דאווענען אין דעם בית המדרש פון רבי יוחנן אמר לה אמאהל האט רבי יוחנן גיזאגט צו איהר בתי לא בית הכנסת יש בשבבותיך מיין טאכטער איז דען ניטא אשוהל צום דאווענען נאהנט פון דיין וואהנונג, צו וואס קומסטו אהער דאווענען דו האסט דאך אשוהל נעבין דיר אמרה לו רבי ולא שכר פסיעות יש לי האט די אלמנה גיזאגט צו רבי יוחנן וועל איך דען ניט האבין שכר פאר יעדער טריט וואס איך גייא צו די שוהל, וואס מער טריט איך גייא, מער שכר וועל איך האבין, דריבער גייא איך צו די ווייטערדיגע שול, זעהן מיר עס זענען דא בתולות וואס דאווענען אונ זענען פרום אונ אלמנות וואס זענען פרום, ענטפערט די גמרא כי קאמר כגון יוחני בת רטובי מען מיינט ניט אלע אלמנות פארדארבין די וועלט, נאר מען מיינט די איינע אלמנה יוחני בת רטובי אונ נאך אזעלכע ווי יוחני ורש"י שרייבט דיא יוחני איז גיוועזען א אלמנה אמכשפה, אונ עס האט קיינער גיוואוסט אז זיא איז אמכשפה, מען האט גימיינט אז זיא איז אגרויסע פרומע, אונ זיא פלעגט גיין צו אלע מעוברת'ע ווייבער צוא וויסען ווען זיי דארפין גיבארין זייערע קינדער פלעגט זי מאכין מיט כשוף זייא זאלין ניט קענען גיבארין דאס קינד, אונ אז דיא אשה האט שוין גיהאט גרויסע שמערצין פלעגט זיא קומען צו איהר זיא זאל מתפלל זיין, פלעגט זיא אפטאן די כשוף אונ די אשה האט גיבארין דאס קינד, האט מען גע־מיינט אז איר תפלה האט גיהאלפין דאס קינד זאל קענען גיבארין ווערין, אמאהל האט גיטראפין זיא האט גימאכט כשוף אויף א אשה זיא זאל ניט קענען גיבארין דאס קינד, אונ זיא איז אוועק גי־גאנגען פון שטוב, דעם טאג האט גיארבעט אמענטש ביי די אלמנה אין שטוב, אונ ער האט גיהערט ווי עס קלאפט עפעס אין אכלי, האט ער גיעפינט די כלי אונ האט ארויס גינומען די כשוף האט די אשה באלד גיבארין דאס קינד, האבין אלע גיוואוסט אז זיא איז אמכשפה) תנו רבנן די רבנן האבין גילערינט שבעה פרושים הן עס זענען דא זיבען ערליי פאלשע פרושים (פרומע), דאס זענען זייערע נעמען פרוש שכמי, פרוש נקפי, פרוש קוזאי, פרוש מדוכה, פרוש מה חובתי ואעשנה, פרוש מאהבה, פרוש מיראה, איצט זאגט די גמרא ווער די פרושים זענען אונ וואס זיי טוהען, פרוש שכמי מיינט מען זה העושה מעשה שכם ער טוהט ווי שכם האט גיטאן, ער האט זיך מל גיוועזען אבער ניט ווייל הקב"ה האט גיבאטין, נאר פון וועגין זיין הנאה, אזעלכע מענטשין זענען דא וואס טוהען אלץ מיט פרומקייט, ווייל זייער פרומקייט ברייננט זייא פרנסה אדער כבוד. אבער אז זייא וואלטין גיהאט פרנסה אן פרומקייט, וואלטין זיי ניט פרום גיוועזען, פרוש נקפי מיינט מען זה המנקיף את רגליו ווען ער גייט אין גאס ווייזט ער אז ער גייט שוואך אונ פארזארגט אונ איז ביא זיך אזוי נידעריג אז ער גייט טריט ביי טריט אונ קוים וואס ער שלעפט די פיס, דערווייל האקט ער די פיס אן די שטיינער אונ האט גרויסע שמערצין, אונ פאר טראגט די שמערצין נאר מען זאל זאגין אויף אים אז ער איז פרום, פרוש קוזאי וואס מיינט מען אמר רב נחמן בר יצחק האט רב נחמן בר יצחק גיזאגט זה המקיז דם בכותלים ווען ער גייט אין גאס האלט ער די אויגין אזוי ווייא פארמאכט, ער זאגט ער וויל ניט קוקען אויף ווייבער, דערווייל גייט ער צו אוואנט (גיט וועהענדיג) אונ צו קלאפט דעם קאפ אונ עס גייט ארויס בלוט, פרוש מדוכה וואס מיינט מען אמר

א"ר בר שילא דמשפע כמדוכה. פרוש מה חובתי ואעשנה הא מעליותא היא אלא דאמר מה חובתי תו ואעשנה. פרוש מאהבה פרוש מיראה א"ל אביי ורבא לתנא לא תיתני פרוש מאהבה פרוש מיראה דא"ר יהודה אמר רב לעולם יעסוק אדם בתורה ובמצות אפילו שלא לשמה שמתוך שלא לשמה בא לשמה. אמר ר"נ בר יצחק דמטמרא מטמרא ודמגליא מגליא (ודמטמרי) בי דינא רבה ליתפרע מהני דחפי גונדי אמר לה ינאי מלכא לדביתהו אל תתיראי מן הפרושין ולא ממי שאינן פרושין אלא מן הצבועין שדומין לפרושין שמעשיהן כמעשה זמרי ומבקשין שכר כפנחס:

רלשו בכותל והדם יולא: דמשפע. שהולך כפוף: כי מדוכיא. כבוכנא עשוי כמקבת ורלשו כפוף: פרוש מה חובתי ואעשנה. למדוני מה עלי לעשות ולעשנ': הא מעליותא היא. אם אינו בקי באיסורין ודקדוקי מלות וכא ללמוד: מה חובתי תו ואעשנה. מה לעשות עוד ולא עשיתי ומראה עלמו כאילו קיים את הכל: פרוש מאהבה. מאהבת שכר המלות ולא לאהבת מלות בוראו: מיראה. של עונשין אלא מה על האדם לעשות מאהבת הש"י כאשר לונו ה' אלהינו וסוף השכר לבא: דמטמרא מטמרא וכו'. הנסתרות נסתרות מב"א והגלויות גלויות זמ"נ לב"ד הגדול כלם גלויות והוא יפרע מן המתכסים בטליתות ומראין עלמן כפרושין ואינן פרושין: אל תתיראי מן הפרושין. שהפרושין היו שונאין אותו לפי שהרג מן החכמים הרבה ונהפך להיות לדוקי כדאמר בקידושין וכשמת היתה אשתו יראה מהן שלא יעבירו המלוכה מבניה והיתה אומרת לו לבקש מלפניהם עליה וא"ל אל תתיראי מן הפרושין שלדיקים הן ולא ינמלוך רעה ולא לבניך שלא חטאו להם: ולא ממי שאינן פרושין. שהם אוהבי: אלא מן הצבועים. כלומר שאין מראיתם כתולדותם אלא לבועין מבחוץ ואין תוכן כברם: שמעשיה' כמעשה זמרי. שהן רשעים ומבקשין שכר כפנחס אומרין לבריות לכבדן כפנחס ואיכא דמפ' ליה לענין לניעותא:

רבה בר שילא האט רבה בר שילא געזאגט דמשפע כמדוכה ער גייט דעם קאפ אראפ געבויגען און צו שטויסען צו בראבען בייז זיך וויא א שטויסיל, אזוי ווייזט ער פאר מענטשען אונ אין הארצין איז גאר אנדערש, פרוש מה חובתי ואעשנה, ער זאגט צוא מענטשען זאגט מיר וואס איז מיין שולדיגקייט צו טאן וועל איך דאס טאן. פרעגט די גמרא הא מעליותא היא דאס איז דאך גוט אלא דאמר מה חובתי תו ואעשנה ענטפערט די גמרא מען מיינט ער זאגט וואס איז נאך מיין שולדיגקייט צוא טאן וועל איך טאן. זעהט אוים פון זיינע רייד אז ער האט שוין מקיים געווען די גאנצע תורה אונ עס איז נאך ווייניג פאר אים ער וואלט גערן נאך מקיים געווען. פרוש מאהבה, מיינט מען ער איז פרום ווייל ער וויל אונ האט ליב דעם שכר וואס הקב"ה וועט געבין די צדיקים, אבער ניט ווייל ער האט ליב הקב"ה נאר ווייל ער האט זיך ליב, פרוש מיראה מיינט מען, ער איז פרום ווייל ער האט מורא ער זאל ניט געשטראפט ווערין, ער האט ניט מורא פאר הקב"ה נאר ער האט מורא פאר זיך אמר ליה אביי ורבא לתנא אביי אונ רבא האבין געזאגט צום תנא לא תתני פרוש מאהבה פרוש מיראה זאלסט ניט לערנען אין די ברייתא די צוויי פרושים פרוש מאהבה פרוש מיראה, ווייל די צוויי פרושים פאר דארבין ניט דיא וועלט דאמר רב יהודה אמר רב ווארום רב יהודה האט געזאגט פון רב'ס וועגין לעולם יעסוק אדם בתורה ובמצות אפילו שלא לשמה א מענטש זאל אייביג לערנען תורה אונ זאל טאן מצות אפילו ווען ער מיינט ניט צו טאן ווייל גאט האט געבאטין, נאר ער מיינט פון זיין הנאה וועגין שמתוך שלא לשמה בא לשמה ווארום דער סוף וועט זיין ער וועט לערנען תורה אונ וועט טאן מצות ווייל גאט האט געבאטין, די הייליגקייט פון די תורה וועט איהם העלפין אז ער זאל לערנען די תורה לשמה אמר רב נחמן בר יצחק רב נחמן בר יצחק האט געזאגט דמטמרא מטמרא דיא זאכין וואס זענען פון אונז בעהאלטין, מיר זעהן מענטשען זענען פרום אונ מיר ווייסען ניט אויב עס איז אמת אדער פאלש, איז בעהאלטין, ווייס מען ניט ודמגליא מגליא אונ עס זענען דא פרומע מענטשין וואס מען ווייס אז זייער פרומקייט איז מיט אמת, ווייס מען, איז געוויס גוט בי דינא רבה ליתפרע מהני דחפי גונדא דער גרויסער בית דין וואס אין הימעל זאל גיצאהלט ווערין, זאל שטראפין די מענטשין וואס באדעקין זיך מיט א פרומען מלבוש מען זאל מיינען זיי זענען פרום אונ אין אמת זענען זיי ניט פרום אמר לה ינאי מלכא לדביתהו דער מלך ינאי האט געזאגט צו זיין ווייב איידער ער איז געשטארבין אל תתיראי מן הפרושין פאר די אמתה פרומע מענטשין זאלסטו ניט מורא האבין זייא וועלין דיר קיין שלעכטס טאהן, ווארום דער מענטש וואס איז אמת פרום טוהט קיין מענטש שלעכטס, אפילו מען האט איהם שלעכטס גיטאן איז ער אויך מוחל ולא ממי שאינן פרושין אונ פאר די ניט פרומע זאלסטו אויך קיין מורא האבין, ווייל זייא זענען מיינע גוטע פריינד אלא מן הצבועין נאר פאר דיא געפארבטע מענטשין זאלסטו מורא האבין שדומים לפרושין זייא שטעלין זיך פאר פאר מענטשין אז זייא זענען פרום, אונ אין אמת זענען זייא ניט פרום, זייא נארען די מענטשין שמעשיהן כמעשה זמרי זיי טוהען וויא זמרי האט גיטאהן (סוף סדרה בלק) ומבקשים שכר כפנחס אונ זייא ווילען מען זאל זייא געבין שכר וויא הקב"ה האט גיגעבין צו פנחס:

**זוהר** ואתחנן דף רסא ע"ב. פ"ת דאלינוה יוד הא ואו הא

**אמר** רבי יהודה בכל עובדוי בעי ב"נ לשואלה לקבליה לקב"ה והא אוקימנא מלה. רבי יהודה לטעמיה דא"ר יהודה האי מאן דאזיל בארחא יכוין לתלת מלין ועילא מנהון צלותא. ואע"ג דצלותא יתיר. עלאה מכלא תרי חברי או תלתא דלעאן במלי דאורייתא דהא לא מסתפי בגין דשכינתא (ס"א ועילא מנהון צלותא. ועלאה מכלהו חברייא במלי דאורייי' דהא שכינתא) אשתתפא בהדייהו. (כי הא ד) ר' אלעזר ור' חייא הוו אזלי בארחא א"ר אלעזר (ס"א חייא) כתיב (בראשית ג) ויעש יי' אלהים לאדם ולאשתו כתנות עור. וכי עד השתא פשיטי הוו מההוא עור אין אלא מאני לבושי יקר הוו. א"ל ר' חייא אי הכי לא אתחזון להו אפי' כתנות עור וכי תימא דעד לא חבו אלבישו להו לא. אלא לבתר דחבו כתיב ויעש יי' אלהים לאדם ולאשתו כתנות עור וילבישם וגו'. א"ל הכי הוא ודאי בקדמיתא הוו כגוונא דלעילא ומתפשטין מן גווני דלתתא והוה נהורא דלעילא אסחר עלייהו. ולבתר דחבו אהדר לון בגווני דהאי עלמא ואתעבר מנייהו גווני דלעילא מה כתיב ויעש יי' אלהים לאדם ולאשתו כתנות עור וילבישם מגוונא דהאי עלמא. כתיב (שמות כט) ואת אהרן ואת בניו תקריב והלבשתם כתנות התם כגוונא דלעילא. הכא כגוונא דלתתא. התם כתנות שש הכא כתנות עור ואע"ג דאיהו בר הכי ספירא דהיינו לבושין סליק על כלא. (בראשית ג) ותפקחנה עיני שניהם בעפושא דהאי עלמא מה דלא הוה קודם דהוו מסגיחין ופקחין לעילא. לזמנא דאתי כתיב (ישעיה מב) והולכתי עורים בדרך לא ידעו וגו'. זמין קב"ה לאפקחא עיינין דלא הכימין ולאסתכלא בחכמתא עלאה ולאתדבקא במאי דלא אתדבקו בהאי עלמא בגין דינדעון למאריהון. זכאין אינון צדיקיא דיזכון להאיא חכמתא דלאו חכמתא כההיא הכמתא ולאו ידיעה כההיא ידיעה ולאו דבקותא כההיא דבקותא. עד דהוו אזלי הוו אינון לספיס אזלי בתרייהו לאקפחא לון. אסתכל בהו ר' אלעזר אתו תרי חיון ברא וקטלי לון אמר ר' אלעזר בריך רחמנא דשיזבן. קרא עלייהו (משלי ד) בלכתך לא יצר צעדך ואם תרוץ לא תכשל וכתיב (תהלים לא) כי מלאכיו יצוה לך וגו'. וכתיב (שם) כי בי חשק ואפלטהו:

## הלכה פסוקה — יוסף להק — מוסר

**הרמב"ם הלכות תפלה פרק יא.**

**(א)** בשחרית במוסף ובנעילה הכהנים נושאין את כפיהם, אבל במנחה אין נשיאות כפים מפני שבמנחה כבר סעדו כל העם ושמא שתו הכהנים יין ושכור אסור בנשיאות כפים, ואפילו ביום תענית אין נושאין כפיהם במנחה גזירה מנחת תענית מפני מנחת כל יום: (ב) במה דברים אמורים בתענית שמתפללין בו מנחה ונעילה כגון צום כפור ותענית צבור, אבל

(א) בשחרית במוסף ובנעילה הכהנים נושאין את כפיהם צו שחרית און מוסף און נעילה דוכנן די כהנים אבל במנחה אין נשיאות כפים אבער צוא מנחה דוכינט מען ניט מפני שבמנחה כבר סעדו כל העם ווייל צו מנחה האבין שוין אלע גיגעסין ושמא שתו הכהנים יין קאמער האבין די כהנים גיטרונקען וויין ושכור אסור בנשיאת כפים און אבהן וואס איז שכור טאר ניט דוכענען ואפילו ביום תענית אין נושאין כפיהן במנחה און אפילו ווען מען פאסט טארין ניט די כהנים דוכנען צו מנחה גזרה מנחת תענית מפני מנחת כל יום ווארום אז מען וועט זאגין ווען עס איז אתענית זאל מען דוכענען צו מנחה, וועט מען שוין דוכענען אלע טאג צוא מנחה, ווייל מען וועט זעהן איין מאהל מען דוכינט צוא מנחה וועט מען זאגין מען זאל דוכענען אלע טאג צוא מנחה און מען וועט ניט זאגין אחילוק צווישען אתענית און איין אנדער טאג: (ב) במה דברים אמורים ווען זענען די רייד גיזאגט גיווארין בתענית שמתפללין בו מנחה ונעילה נאר ביי די תעניתים וואס מען דאווינט אין זייא מנחה און נעילה כגון צום כפור ותענית צבור דהיינו יום כפור אדער אנדערע תעניתים וואס די רבנן האבין גוזר גיוועזן אויף צרות אדער וועגין רעגין. פלעגט מען דאוונען נעילה נאך מנחה, זאל מען ניט דוכענען

**מספר חסידים סימן קנה.**

כמשל למלך בשר ודם שצוה לעבדיו ללכת במקום פלוני בא אחד ואמר לעבדו אחד אל תלך במקום פלוני שהמלך שלחך ואני אתן לך לטרין ולקח לטרין ולא הלך וחבירו לא הלך לפי שאחד נדר ליתן לו שני פשיטים הרי זה שלקח רק שני פשיטים יותר עונשו שבדבר קל כיצר רצון המלך. כך זה

משל למלך בשר ודם שצוה לעבדיו ללכת למקום פלוני למשל אמלך האט גיבאטין צו צוויי קנעכט זיינע זייא זאלין גיין צו דעם ארט וואס ער שיקט זיי בא אחד לומר לעבדו אחד אל תלך במקום פלוני שהמלך שלחך דערווייל איז געקומען אמענטש און האט גיזאגט צו איין קנעכט דוא זאלסט ניט גיין צוא דעם ארט וואס דער מלך האט דיך געשיקט ואני אתן לך לטרין און אז דוא וועסט ניט גיין וועל איך דיר געבין פונטען גאלד ולקח לטרין ולא הלך און דער קנעכט האט גענומען דיא פונטען גאלד און איז ניט געגאנגען צו דעם ארט וואס דער מלך האט איהם געשיקט וחברו לא הלך לפי שאחד נדר ליתן לו שני פשיטים דער אנדערער קנעכט איז אויך ניט געגאנגען וואו הין דער מלך האט איהם געשיקט ווייל איינער האט איהם גיגעבין צווייא גראשין ער זאל ניט גיין הרי זה שלקח רק שני פשיטים יותר עונשו דער שטראף פון דעם קנעכט וואס ער האט נאר גענומען צווייא גראשין און האט ניט גיפאלגט דעם מלך איז גרעסער וויא דער שטראף פון דעם אנדערין קנעכט וואס ער האט גענומען די פונטען גאלד און האט ניט גיפאלגט דעם מלך. ווארום דער קנעכט וואס האט גענומען פונטען גאלד קען מען זאגין דער יצר הרע פון דעם גאלד האט איהם אנגירעט ער זאל ניט פאלגין דעם מלך, און ער האט גענומען פיל געלט פאר די גיבאט פון מלך. אבער דער אנדערער קנעכט שבדבר קל ביטל רצון המלך זענען די רייד פון מלך גיוועזן בייא איהם אזויא וואלוויל אז פאר אגרינגע זאך פאר

בחופה כדבר שאין יצרו מתגבר עליו עונשו יותר גדול וכל דבר שבא לידך לעשות יהיה עושה מפני הבושת שיקראוך חסיד שוטה תחשוב שאלו היית בשעת הגזירה היית נהרג על עבירה קלה אפי' אערקתא דמסאנא וכ"ש שתכוף את יצרי המסור בידי. ואם נגנבת תודה ותעמוד לך. ואם הבושת מלבנת פניך הרי זה כקרבן כפרה ומוטב שתתבייש בפני מאה ואל תתבייש בפני כמה רבבות ובפני אביהם עצמם לאחר מיתתך. וכן המונע את המצוה מפני הבושת בין מ"ע בין מצות ל"ת יתבייש בפרהסיא לאחר מיתתו בפניהם ואולי אפי' בחיים כמו צדקיהו שאמר פן יתעללו בי ולא נכנע לפני ה' ויעורו עיניו ותחשוב לך שתי אותיות כף כף פירוש כל כל כי כל סאון סואן כי כל העולם נידון מדה כמדה שנאמר תחת אשר לא עבדת את ה' אלהיך בשמחה וכתוב

תענית שאין בו נעילה כגון תשעה באב ושבעה עשר בתמוז, הואיל ותפלת מנחה שלהם סמוך לשקיעת החמה הרי נראית כנעילה ואינה מתחלפת במנחה של כל יום, ולפיכך יש בה נשיאות כפים. וכהן שעבר ועלה לדוכן במנחה של יום הכפורים הואיל והדבר ידוע שאין שם שכרות הרי זה נושא כפיו ואין מורידין אותו מפני החשד שלא יאמרו פסול היה לפיכך הורידוהו:

אפאר נראשין האט ער ניט געטאהן וואס דער מלך האט איהם געבאטין כך זה שחוטא בדבר שאין יצרו מתגבר עליו עונשו יותר גדול אזוי איז ביי דעם מענטש געגין הקב"ה, דער מענטש וואס זינדיגט מיט אזויא אעבירה וואס דער יצר הרע האט זיך ניט געשטארקט אויף איהם, איז זיין שטראף גרעסער פון דעם מענטש וואס האט געזינדיגט מיט אזוי אעבירה וואס דער יצר הרע האט זיך געשטארקט אויף איהם וכל דבר שבא לידך לעשות אונ יעדער מצוה וואס קומט צוא דיר דוא זאלסט זיא טאהן ואינך עושה מפני הבושת שיקראוך חסיד שוטה אונ דוא טוהסט זיא ניט ווייל דוא שעמסט זיך זיא צוא טאהן נייל דוא האסט מורא מען וועט דיך רופין נארעשער חסיד תחשוב כאילו היית בשעת הגזרה זאלסטו טראכטין גלייך וויא דוא ביזט אין דיא צייט וואס עס איז אגזרה מען זאל קיין מצות טאן היית נהרג על עבירה קלה וואלסטו דיך געמוזט לאזין הרגנן אפילו אויף דיא גרינגסטע עבירה אפילו אערקתא דמסאנא אפילו אויף אשנירעל פון אשוך וכל שכן שתכוף את יצרי המסור בידי איז דאך געווים אז איך דארף נייטין דעם יצר הרע וואס ער איז אין מיין האנט איך זאל ניט זינדיגען ואם נגנבת אונ אויב דו האסט עפעס געגנבת תודה ותעמוד לך זאלסטו מודה זיין אונ זאלסט קענען בעשטיין אוועק געבין דיא גנבה ואם הבושת מלבנת פניך אויב די חרפה מאכט

צוא מנחה נאר צוא נעילה אבל תענית שאין בו נעילה אבער די תעניתים וואס מען דאווינט ניט אין זיי נעילה כגון תשעה באב ושבעה עשר בתמוז דהיינו תשעה באב אונ שבעה עשר בתמוז [אונ עשרה בטבת צום גדליה] הואיל ותפלת מנחה שלהם סמוך לשקיעת החמה טייל מען דאווינט אין די תעניתים מנחה נאהענט ווען די זונן דארף אונטער גיין הרי נראית כנעילה זעהט אוים דיא מנחה וויא זיא וואלט געווען דיא תפלת נעילה ואינה מתחלפת במנחה של כל יום אונ עס וועט ניט זיין פארטאהשט מיט אנדערע מנחות פון גאנצין יאהר ולפיכך יש בה נשיאות כפים דריבער זאל מען ביי די מנחות דוכנן וכהן שעבר ועלה לדוכן במנחה של יום הכפורים אויב אכהן איז געקומען צום ארון קודש דוכנן צו מנחה פון יום כפור הואיל והדבר ידוע שאין שם שכרות נייל אלע מענטשין ווייסין אז די כהנים זענען ניט שכור הרי זה נושא כפיו זאלין די כהנים דוכנן ואין מורידין אותו אונ מען זאל ניט הייסין דעם כהן אוועק גיין פון ארון קודש ניט געדוכנט מפני החשד מען זאל ניט חושד זיין דעם כהן שלא יאמרו פסול היה לפיכך הורידוהו מען זאל ניט זאגין ווייל מען ווייס אז ער איז פסול צום דוכנן דריבער האט מען איהם ניט גילאזט דוכנן אונ מען האט איהם געהייסען אוועק גיין פון ארון קודש:

נויס דיין פנים, דוא שעמסט דיך הרי לקרבן כפרה וועט דאס זיין אקרבן צו מכפר זיין דיינע זינד ומוטב שתתבייש בפני מאה עס איז בעסער דוא זאלסט דיך איצט שעמען פאר הונדערט מענטשין ואל תתבייש בפני כמה רבבות אונ דוא זאלסט ניט דארפין שפעטער זיך שעמען פאר צעהן טויזענדער מענטשין ובפני אביהם עצמם לאחר מותך אונ פאר די זעלביגע מענטשין וועסטו דיך דארפין שעמען נאך דיין שטארבין וכן המונע את המצוה מפני הבושת אונ אז איינער וויל ניט טאהן אמצוה ווייל ער שעמט זיך בין מצות עשה ובין מצות לא תעשה סייא ער וויל ניט טאהן אמצוה ווייל ער שעמט זיך, אונ סייא ער טוהט אעבירה ווייל ער שעמט זיך ודהיינו נאך מענטשין זיינע חברים טוהען אעבירה אונ ער שעמט זיך פאר זייא ער זאל ניט טאהן אעבירה] יתבייש בפרהסיא לאחר מותו בפניהם דריבער וועט ער זיך שעמען פאר זייא נאך זיין שטארבין ואולי אפילו בחיים אונ עס קען זיין ווען ער וועט נאך לעבין וועט ער זיך שעמען פאר זייא כמו צדקיהו אזוי וויא עס האט גיטראפין ביי דעם מלך צדקיהו שאמר פן יתעללו בי ולא נכנע לפני ה' צדקיהו האט גיזאגט ער האט מורא טאמער וועט מען לאכין פון איהם אונ דריבער איז ער ניט אונטערטעניג גיוועזין פאר גאט ועורו עיניו האט מען בלינד געמאכט זיינע אויגין ותחשוב לך שתי אותיות כ"ף כ"ף אונ זאלסט אלע מאהל טראכטין וועגין די צוויא אותיות כ"ף כ"ף פירוש כל כל דאס מיינט מען דוא זאלסט טראכטין וועגין די צוויי ווערטער כל כל, איין כל איז דער פסוק כי כל סאון סואן אלע שטורמענונג שטורמעט מיט ציטערנעש, דער אנדערער כל איז כי כל העולם נידון מדה במדה דיא גאנצע וועלט ווערט געמשפט, דער שטראף זאל פאסין צו די עבירה שנאמר וויא

לבב מרוב כל ועבדת את אויביך אשר ישלחנו ה' בך ברעב ובצמא ובעירום ובחוסר כל. ה' יצילנו:

עס שטייט אין פסוק תַּחַת אֲשֶׁר לֹא עָבַדְתָּ אֶת ה' אֱלֹהֶיךָ בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב מֵרוֹב כֹּל ווייל דוא האסט ניט געדינט צו הקב"ה מיט פרייליכקייט אונ מיט אגוטע הארץ ווען דוא האסט געהאט פיל גוטס וְעָבַדְתָּ אֶת אוֹיְבֶיךָ אֲשֶׁר יְשַׁלְּחֶנּוּ ה' בָּךְ וועסטו מוזין דינען דיינע פיינט וואס גאט וועט שיקען אויף דיר בְּרָעָב וּבְצָמָא וּבְעֵירוֹם וּבְחוֹסֶר כֹּל מיט הונגער אונ מיט דארשט אונ מיט נאקעט אונ עס וועט דיר אלץ פעלין, דיא צוויא ווערטער כֹּל זאל יעדער מענטש אלע מאהל געדיינקען ה' יַצִּילֵנוּ הקב"ה זאל אונז רעטטין פון אלע שלעכטס:

## ואתחנן יום ד תורה — אונקלוס

לתמשיך מת"ת דו"א יהוה נפש י יה יהו יהוה רוח יוד הא ואו הא נשמה יהוה חיה יחידה ו דמילוי וו אל שם ב"ן שבעשיה בניקוד חולם:

ט רַק הִשָּׁמֶר לְךָ וּשְׁמֹר נַפְשְׁךָ מְאֹד פֶּן־תִּשְׁכַּח אֶת־הַדְּבָרִים אֲשֶׁר־רָאוּ עֵינֶיךָ וּפֶן־יָסוּרוּ מִלְּבָבְךָ כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ וְהוֹדַעְתָּם לְבָנֶיךָ וְלִבְנֵי בָנֶיךָ: י יוֹם אֲשֶׁר עָמַדְתָּ לִפְנֵי יְהוָה אֱלֹהֶיךָ

ט לְחוֹד אִסְתְּמַר לָךְ וּטַר נַפְשָׁךְ לַחֲדָא דִּילְמָא תִתְנְשֵׁי יָת פִּתְגָמַיָּא דִּי חֲזוֹ עֵינָיךְ וְדִילְמָא יִעְדּוּן מִלִּבָּךְ כֹּל יוֹמֵי חַיָּיךְ וּתְהוֹדְעִנּוּן לִבְנָךְ וְלִבְנֵי בְנָךְ: י יוֹמָא דִּי קַמְתָּא קֳדָם יְיָ אֱלָהָךְ בְּחֹרֵב

ת"א רק השמר. ברכות לב שבועות לו אבות פ"ג מנחות לט: ופן יסורו. אבות ג: והודעתם. ברכות כא סנהדרין צט קידושין ל: יום אשר. ברכות נה ע"ק סם קידושין ל:

### בעל הטורים

(ט) ושמור נפשך. נר אלהים נשמת אדם. נרך בידי ונרי בידך זהו שאמור נרי נרך: והודעתם לבניך ולבני בניך. שלשה גוי"ן כסופין, לומר שכל מי שהוא ובנו ובן בנו תלמידי חכמים שוב אין התורה פוסקת מזרעו:

### שפתי חכמים

ל ר"ל כתיב רק שהוא ל' מיעוט והכא מאי ממעט ומפרש דקאי אלפניו מינים כי היא חכמתכם וגו' ה"א שמשיו נחשבים חכמים אז כשלא כו': מ (ג"א) דה"ל שתודיע לבניך יום אשר עמדת אשרי והודעתם דכתיב במ"ש ביני הדברים משמע דקאי אלמעלה פן תשכח הדברים שראו עיניך פי' והודעתם הדברים אשר ראו עיניך יום אשר עמדת

### רש"י

(ט) רק השמר לך וגו' פן תשכח את הדברים. אז כשלא תשכחו אותם ותעשום על אמתתם תחשבו חכמים ונבונים ל ואם תעוותו אותם מתוך שכחה תחשבו שוטים: (י) יום אשר עמדת. מוסב על מקרא שלמעלה ממנו מ בחורב אשר ראית את

### פירוש על זכירת הר סיני

(ט—י) והודעתם לבניך ולבני בניך יום אשר עמדת וגו'. הנה ידוע כי עיקר עבודת ה' היא הענוה, ושורש הענוה היא השפלות, אם האדם יהיה עניו באמת הוא ביעבוד את ה' בכל השלמות ביותר באפשרו, ואם יתגאה באמת יכשל ויחטא. והנה האדם ילמוד מדת הענוה מהקב"ה שעזב כל ההרים הגבוהים ונתן התורה על הר סיני ועזב כל הצדיקים כמו אבות הקדושים ונתן התורה ע"י משה שהיה עניו מכל האדם, אע"פ שאברהם אבינו ע"ה אמר ג"כ על עצמו ואנכי עפר ואפר, אבל מ"מ הם שוים מאומה, אבל משה אמר ונחנו מה, כלא נחשב, ע"כ אמר משה לישראל והודעתם לבניך ולבני בניך, שני דברים, א) שיזכרו יום אשר עמדת לפני ה' אלהיך בחורב, בהר סיני דייקא, בהר השפל מכל ההרים, ב) כאמור ה' אלי הקהל לי את העם, אלי דייקא, מחמת ענותנותי, ומזה אשר ילמדון ליראה אותי כל הימים אשר הם חיים על האדמה, אם יקנו לעצמם מדת הענוה יהיו בטוחים שיראו את ה' כל ימי חייהם:

### ליקוטים על התורה

(ט) רַק הִשָּׁמֶר לְךָ וּשְׁמוֹר נַפְשְׁךָ מְאֹד וגו'. דיא תורה אונ מצות וואס הקב"ה האט געגעבין צו די יודין, אזוי ווי זיי זענען גוט צו די נשמה אזוי זענען זיי גוט צום גוף, ווי עס שטייט אין פסוק די תורה זאגט כִּי בִי יִרְבּוּ יָמֶיךָ, דורך מיר וועלין געמערט ווערין דיינע טעג אונ זיי וועלין מערין צו דיר לעבעדיגע אונ פרייליכע יאהרין, נאך זאגט

### פירוש לתורת אלהים

(ט) רַק הִשָּׁמֶר לְךָ נאר היט דיך וּשְׁמוֹר נַפְשְׁךָ מְאֹד אונ היט זייער דיין נשמה פֶּן תִּשְׁכַּח טאמער וועסטו פארגעסין די זאכין אֲשֶׁר רָאוּ עֵינֶיךָ וואס דיינע אויגין האבין גיזעהן וּפֶן יָסוּרוּ מִלְּבָבְךָ אונ טאמער וועלין זיי ווערין אפ גיקערט פון הארצין כָּל יְמֵי חַיֶּיךָ אלע טאג וואס דוא וועסט לעבין וְהוֹדַעְתָּם אונ דוא זאלסט זייא מאכין וויסין לְבָנֶיךָ צו דיינע קינדער וְלִבְנֵי בָנֶיךָ אונ צו דיינע קינדערס קינדער: (י) יוֹם אֲשֶׁר עָמַדְתָּ דעם טאג וואס דו ביסט געשטאנען

### משלי חכמים

(ט) רַק הִשָּׁמֶר לְךָ וּשְׁמוֹר נַפְשְׁךָ וגו' וְהוֹדַעְתָּם לְבָנֶיךָ וְלִבְנֵי בָנֶיךָ. משה האט גיזאגט צו די יודין איר זאלט אייך היטען אונ איר זאלט היטען אייערע נשמות איהר זאלט ניט פארגעסין די אלע זאכין וואס אייערע אויגין האבין גיזעהן,

כַּד אֲמַר יְיָ לִי כְּנוֹשׁ קֳדָמַי
יָת עַמָּא וְאַשְׁמְעִנּוּן יָת
פִּתְגָמַי דִּי יֵילְפוּן לְמִדְחַל
קֳדָמַי כָּל יוֹמַיָּא דִּי אִנּוּן
קַיָּמִין עַל אַרְעָא וְיָת
בְּנֵיהוֹן יְאַלְּפוּן:
יא וּקְרֵבְתּוּן וְקָמְתּוּן
בְּשִׁפּוֹלֵי טוּרָא וְטוּרָא
בָּעֵר בְּאֶשָּׁתָא עַד צֵית
שְׁמַיָּא חֲשׁוֹכָא עֲנָנָא
וַאֲמִטְתָּא: יב וּמַלֵּיל יְיָ
עִמְּכוֹן מִגּוֹ אֶשָּׁתָא קָל
פִּתְגָמִין אַתּוּן שָׁמְעִין
וּדְמוּת לֵיתֵיכוֹן חָזַן אֱלָהֵן

בְּחֹרֵב בֶּאֱמֹר יְהוָה אֵלַי הַקְהֶל־לִי
אֶת־הָעָם וְאַשְׁמִעֵם אֶת־דְּבָרָי
אֲשֶׁר יִלְמְדוּן לְיִרְאָה אֹתִי כָּל־הַיָּמִים
אֲשֶׁר הֵם חַיִּים עַל־הָאֲדָמָה וְאֶת־
בְּנֵיהֶם יְלַמֵּדוּן: יא וַתִּקְרְבוּן וַתַּעַמְדוּן
תַּחַת הָהָר וְהָהָר בֹּעֵר בָּאֵשׁ עַד־
לֵב הַשָּׁמַיִם חֹשֶׁךְ עָנָן וַעֲרָפֶל:
יב וַיְדַבֵּר יְהוָה אֲלֵיכֶם מִתּוֹךְ
הָאֵשׁ קוֹל דְּבָרִים אַתֶּם שֹׁמְעִים
וּתְמוּנָה אֵינְכֶם רֹאִים זוּלָתִי קוֹל:

## רשב"ם

(יא) ותקרבון ותעמדון תחת ההר וגו'. דכתיב ויוצא משה את העם לקראת האלהים מן המחנה ויתיצבו בתחתית ההר. כל גבוה אצל נמוך הגבוה קרוי על והנמוך תחת. ישב פתח האהל נצבים עליו, וכן תחת ההר

## רש"י

יאת הקולות ואת הלפידים: ילמדון. ילפון ג לעצמם:

## שפתי חכמים

ואלו קאי לעצם היה לו לומר וסודעה לבניך: ג רלה לומר ילמדון כתרגומו ילפון דהיינו שילמדו לעצמן. אבל ילמדון

## פירוש לתורת אלהים

לִפְנֵי יְיָ פאר גאט דיין גאט אין חורב. רש"י שרייבט דער פסוק גייט ארויף כלומר דוא זאלסט ניט פאר געסין וואס דיינע אויגן האבין גיזעהן דעם טאג וואס דוא ביסט גישטאנען אין חורב האסטו דאמאלם גיזעהן קולות אונ בראנדין פייער דאס איז גיוועהן אין דער צייט בֶּאֱמֹר ווען גאט האט צו מיר גיזאגט הַקְהֵל זאמיל איין צו מיר דאס פאלק וְאַשְׁמִיעֵם אונ איך וועל זייא לאזין הערין מיינע רייד אֲשֶׁר וואס זייא זאלין זיך לערנען לְיִרְאָה אוֹתִי צו פארכטין זיך פאר מיר כָּל הַיָּמִים אלע טעג וואס זייא וועלין לעבין עַל הָאֲדָמָה אויף דער ערד וְאֶת בְּנֵיהֶם אונ זייערע קינדער יְלַמֵּדוּן זאלין זיי לערנען: (יא) וַתִּקְרְבוּן איהר האט גינעהנט וַתַּעַמְדוּן אונ איהר האט זיך גישטעלט תַּחַת הָהָר אונטער דעם בארג וְהָהָר אונ דער בארג האט גיברענט אין פייער עַד לֵב הַשָּׁמַיִם ביז אין מיטין הימיל חֹשֶׁךְ עס איז גיוועזן פינצטער עָנָן אוואלקין וַעֲרָפֶל אונ אנעפיל: (יב) וַיְדַבֵּר יְיָ אונ גאט האט צו אייך גירעדט מִתּוֹךְ הָאֵשׁ פון דעם פייער קוֹל דְּבָרִים אקול פון רייד האט איהר גיהערט וּתְמוּנָה אונ

## ליקוטים על התורה

דער פסוק אורך ימים בימינה, אין איהר רעכטע האנד אין ל' רעכטע האנד פון די תורה איז דא לאנגע יאהרין צו געבען דעם מענטש וואס לערינט תורה, אין איהר לינקע האנד איז רייכקייט אונ כבוד צו געבען דעם מענטש וואס לערינט תורה דאס זענען די הצלחות וואס דער גוף האט פון די תורה, די הצלחות פון גוף זענען נאך ניט דער עיקר ווייל זיי זענען נאר אויף אקורצע צייט אויף עטליכע צעהנדליג יאהרען, דער עיקר איז אבער די הצלחה פון די נשמה ווענין די תורה אונ מצות ווערט די נשמה בגליקען צו זיין אין גן עדן אייביג אונ די הצלחה איז נאך אגרעסערע ווי די הצלחה פון גוף אויף די וועלט, ווי דער הנא זאגט איין שעה פערגעניגען אויף עולם הבא איז טייערער פון דעם פערגעניגען פון עולם הזה פון די גאנצע זיבעציג יאהר, דריבער זאגט דער פסוק השמר לך דו זאלסט דיך היטען דו זאלסט היטען דיין גוף, ושמור נפשך מאד אונ דיין נשמה זאלסטו היטען נאך מעהר ווי דעם גוף, סים וואס זאלסטו זיי ביידע היטען דו זאלסט ניט פארגעסין די תורה אונ מצות וואס דו האסט זיי גענומען אויף דעם בארג סיני אונ זאלסט זיי לערנען צו דיינע קינדער אונ צו דיינע קינדערס קינדער:

## משלי חכמים

איז דאך אקשיא דאס פארגעסונג קען דאך ניט דער מענטש איינהיטען, אמאהל פארגעסט אמענטש וואס ער וויל ניט פארגעסין אונ אמאהל געדייגקט ער וואס ער וויל ניט גע־ דיינקען, נאר דער ענין איז למשל איינער גייט אריין אין אוואלד זעהט ער עס זענען דא בוימער וואס וואקסין זייער שיין גלייך אונ הויך, אונ עס זענען דא בוימער וואס וואקסין

יג וַיַּגֵּד לָכֶם אֶת־בְּרִיתוֹ אֲשֶׁר צִוָּה
אֶתְכֶם לַעֲשׂוֹת עֲשֶׂרֶת הַדְּבָרִים
וַיִּכְתְּבֵם עַל־שְׁנֵי לֻחוֹת אֲבָנִים׃
יד וְאֹתִי צִוָּה יְהוָה בָּעֵת הַהִוא
לְלַמֵּד אֶתְכֶם חֻקִּים וּמִשְׁפָּטִים
לַעֲשֹׂתְכֶם אֹתָם בָּאָרֶץ אֲשֶׁר
אַתֶּם עֹבְרִים שָׁמָּה לְרִשְׁתָּהּ׃

קָלָא׃ יג וְחַוִּי לְכוֹן יָת
